בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת כי תשא תשפ"א** | **פרשת פרה** | **גליון 591 [שנה י"ג]**

**דער ענין פון מחצית השקל און נישט א גאנצע שקל**

כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה' בִּפְקֹד אֹתָם וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף בִּפְקֹד אֹתָם: (ל יב) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין וְנָתְנוּ "אִישׁ" כֹּפֶר נַפְשׁוֹ, און נישט וְנָתְנוּ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ? נאך דארף מען פארשטיין דעם ענין פון געבן די מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל און נישט א גאנצע שקל? נאר עס שטייט אין מדרש (תנחומא כי תשא אות ג) אז משה האט געזאגט פארן אויבערשטן, נאך מיין שטארבן וועט מען מיר נישט דערמאנען! האט דער אויבערשטער געזאגט: אזוי ווי דו שטייסט יעצט און זאגט זיי **פרשת שקלים**, און דורכדעם שטעלסטו די אידן אויף זייערע פיס, אזוי וועט יעדע יאר זיין ווען די אידן וועלן ליינען **פרשת שקלים**, וועט זיין גערעכנט ווי דו שטייסט פאר מיר און דו שטעלסט די אידן אויף זייערע פיס, און דעריבער שטייט כִּי תִשָּׂא, א לשון עתיד, און נישט שָׂא אֶת רֹאשׁ, א לשון פון יעצט –הֹוֶה, ווייל דו וועסט שטענדיג זיין פאר מיר ע"כ המדרש, וואס לכאורה דער מדרש איז שווער צו פארשטיין! ווייל וואס מיינט צו שטעלן די אידן אויף די פיס? און וואס האט משה געמיינט אז מען זאל אים געדענקען נאכן שטארבן? כדי דאס אלעס צו פארענטפערן קען מען זאגן אז משה רבינו האט געזאגט וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ: וואס דאס איז געווען מסירת נפש פאר כלל ישראל, האט דער אויבערשטער דאס גערעכנט פאר א האלבע כפרה, און די אנדערע האלבע איז געווען די מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, וואס דעריבער איז דאס א מחצית און נישט א גאנצע שקל, ווייל האלב האט משה מכפר געווען מיט מסירת נפש, און האלב דורך די מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, דעריבער איז גוט דער וְנָתְנוּ "אִישׁ", ווייל "אִישׁ" איז משה, –אזוי ווי עס שטייט (במדבר יג ב) וְהָאִישׁ מֹשֶׁה –, וואס ער האט געהאט מסירת נפש פאר כלל ישראל, דאס מיינט וְנָתְנוּ אִישׁ משה כֹּפֶר נַפְשׁוֹ מסירת נפש, און דעריבער האט משה געפרעגט פארן אויבערשטן, אויב אזוי, יעדע יאר וואס מען וועט געבן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אויך נאך זיין שטארבן, און ער וועט שוין נישט מוסר נפש זיין, וועט מען דאך דארפן געבן א גאנצע שקל פאר כפרה? האט דער אויבערשטער געזאגט: יעדן יאר ווען מען וועט זאגן די פרשת שקלים, און מען וועט זאגן וְנָתְנוּ "אִישׁ" כֹּפֶר נַפְשׁוֹ, וועט זיין ביי מיר גערעכנט ווי דו שטייסט פאר מיר און שטעלטס אויף כלל ישראל מיט דיין מסירת נפש, ממילא וועט זיין האלב פארגעבן, דעריבער וועט די מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל זיין גענוג, ודו"ק. (ייטב לב סיגעט)

**די חשיבות פון צדקה פון א איד**

כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה' בִּפְקֹד אֹתָם וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף בִּפְקֹד אֹתָם: (ל יב) שטייט אין גמ' (ב"ב דף י) אמר משה לפני הקב"ה במה תרומם קרן ישראל אמר לו בְּכִי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ. עס איז דא אסאך ביאורים וואס איז פשט אין די גמ'? נאר מען קען אויך זאגן אז די גמ' (פסחים דף ח און ר"ה דף ד) זאגט **האומר סלע זו** לצדקה בשביל שיחיו בני, ווען איינער גיט צדקה אויפן תנאי אז זיין זון זאל לעבן איז ער א צדיק, פרעגט תוס' אז עס שטייט אין פרקי אבות (א ג) **אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס**, מען טאר נישט בעטן שכר פאר א מצוה? ענטפערט תוס' אז עס איז א חילוק צווישן א איד און א גוי, ווייל ביי א גוי אויב עס וועט נישט ווערן ווי ער האט געמאכט די תנאי, וועט ער האבן טענות אויף די צדקה, איז דאס נישט גערעכנט צדקה, אבער א איד וועט נישט האבן טענות אויב עס וועט נישט ווערן דעריבער איז דאס גערעכנט פאר צדקה, שטעלט זיך די קשיא, ווייל א איד קען דאך אויך טראכטן ביי זיך אז ער האט חרטה אויף די מעשה הצדקה? נאר מיר ווייסן די כלל אז ביי א גוי רעכנט דער אויבערשטער א מחשבה רעה צו די מעשה, און די מעשה הצדקה ווערט בטל, אבער ביי א איד רעכנט מען נישט א מחשבה רעה צו די מעשה, קומט אויס אז א גוי וואס וועט האבן חרטה אויף די צדקה איז זיין מחשבה רעה זיך מצרף צו די מעשה הצדקה און די צדקה ווערט בטל, משא"כ א איד איז די שלעכטע מחשבה נישט מצרף צו א מעשה, ממילא בלייבט ער מיט די מצות צדקה, דאס קען זיין פשט אין פסוק, כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ, דאס מיינט אז מען וועט קוקן וואס איז זיין רֹאשׁ, די מחשבה ביי צדקה, און וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה', אפילו בִּפְקֹד אֹתָם, פְּקֹד איז א לשון פון חסרון, אז די כוונה וואס ער האט געוואלט איז נישט געווארן, פונדעסטוועגן איז דאס צדקה, דאס מיינט די גמ' במה תרומם קרן ישראל? מיט וואס איז דער צדקה פון איד מער חשוב פון גוי ביי געבן צדקה? אמר לו בְּכִי תִשָּׂא, ביי די מחשבה זעהט מען דעם חילוק, וואס ביי א איד בלייבט די מצות צדקה, אבער ביי א גוי מיט זיין מחשבה רעה, ווערט בטל זיין מצות צדקה. (אבני אליהו הר' אליהו פרענקל אב"ד ליסקא מונקאטש תרמ"ט)

**כלל ישראל איז די ירושה פארן אויבערשטן**

וְסָלַחְתָּ לַעֲוֹנֵנוּ וּלְחַטָּאתֵנוּ וּנְחַלְתָּנוּ: (לד ט) זאגט רש"י וּנְחַלְתָּנוּ מיינט אז כלל ישראל איז די ירושה פון אויבערשטן, און תרגום יונתן זאגט אז דער אויבערשטער זאל אונז נישט בייטן פאר א אנדער פאלק, צו פארשטיין וואס איז דער ענין פון ירושה און דער אויבערשטער זאל אונז נישט איבערבייטן מיט א אנדער פאלק? נאר דער דרך העולם איז, אז מען קויפט נאר אזאך וואס מען וויל, און דאס זעלבע איז א מתנה איז מען מחשיב נאר אויב מען האט דאס ליב, אבער אז מען באקומט א ירושה איז מען דאס מחשיב אפילו עס איז נישט אזוי חשוב ביי אים, דאס בעט משה רבינו, וְסָלַחְתָּ לַעֲוֹנֵנוּ, אפילו כלל ישראל האט געזינדיגט, און מיר זענען נישט אזוי חשוב ביי דיר, פונדעסטוועגן זאלסט זיי האלטן ווי א ירושה וואס מען נעמט אן סיי זיי זענען גוט און סיי שלעכט, און דאס שטייט תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה "מוֹרָשָׁה" קְהִלַּת יַעֲקֹב, אז מיר זענען א ירושה פאר דיר, און האלטן די אידן חשוב. און דאס מיינט די תרגום אז דער אויבערשטער זאל אונז נישט בייטן מיט א אנדער פאלק, ווייל מיר זענען זיין ירושה. (אבן שלמה להגה"ק משימלוי)

**פורים איז די הכנה צו פסח**

שטייט אין גמ' (פסחים דף ו ע"א) **שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח שלשים יום**, שטייט אין אמרי אמת און נאך, אז דער שלשים יום איז די הכנה צו פסח איז פון פורים, דאס צו מסביר זיין לענ"ד, ווייל עס שטייט אז פסח ביי נאכט גיט דער אויבערשטער א מענטש גאר הויכע מדריגות און נעמט דאס צו און די עבודה פון ספירה איז אז מען זאל אנקומען צו די מדריגות אין שבועות. קען מען זאגן אז דאס זענען מדריגות וואס באמת איז באהאלטן אין דעם מענטש. באמת אין פורים זעהט מען די זעלבע זאך, ווען א עהרליכער איד ווערט שיכור, רעדט ער גאר הויכע השגות, און איז גאר נאנט צום אויבערשטן, איז דאס

דער סימן אז די מדריגות זענען באהאלטן אין אים, און דאס קען מען זאגן אז מגילת אסתר מיינט אז פורים מיטן טרינקען אנטפלעקט מען די באהאלטענע מדריגות אין זיך, און נאכן ווערן ניכטער גייט דאס אוועק, כדוגמת פסח ביי נאכט. דעריבער איז פורים די הכנה שלשים יום, אז דער מענטש זאל זעהן אז די מדריגות זאלן ארויסגיין לפועל און די השגות זאל שוין זיין בהתגלות ביים סדר נאכט, אז די מדריגות זאלן בלייבן ביים מענטש און גיין העכער און העכער ביז שבועות, קבלת התורה בדחילו ורחימו. (שמחה זבולון תשפ״א)

## מדור העובדות

## די תפילות מיט טרערן האבן געטוישט דעם גזר דין אויף עניות און געווארן א עושר

דער הייליגער חוזה מלובלין האט געהאט זיין מנהג אז זיין נאנטע תלמידים פלעגן קומען צו אים אויף יו״כ, און מוצאי יו״כ פלעגן זיי אריינגיין זיך פראוועון, און דער הייליגער חוזה האט יעדן געזאגט וואס זיין פסק איז געווען פון הימל אויף דאס יאר. איינמאל איז געקומען דער הייליגער ר׳ בונם מפרשיסחא קיין לובלין און דער חוזה האט אים געזאגט אז דעם יאר וועט ער פארלירן זיין פארמעגן, און כידוע איז ר׳ בונם געווען א גרויסער עושר. ר׳ בונם האט נישט געהאט קיין תרעומת, און מקבל געווען וואס דער אויבערשטער האט געשריבן פאר אים. ר׳ בונם איז אהיים געקומען און פלוצלינג האבן עטליכע פון זיינע קינדער געווארן זייער קראנק, און ער האט געדארפט פארן צו די גרעסטע דאקטוירים זיי צו היילן און דאס האט אים אפגעקאסט זיין גאנצע פארמעגן און ער איז געווארן א ארימאן!

ר׳ בונם האט זיך נישט פארלוירן און האט געהאט שטארק בטחון אז דער אויבערשטער וועט אים יעצט נישט פארלאזן, און ער האט מחליט געווען אז ער וועט פארן קיין ווארשא, און האט מתפלל געווען אז ער זאל מצליח זיין אין זיינע געשעפטן, אזוי ווי ער האט ביז יעצט כסדר געהאט גרויס הצלחה אין ווארשא. ר׳ בונם קומט אן אין ווארשא און גייט אריין צו זיין קרעטשמע וואו ער גייט כסדר און מען האט אים דאך געקענט אליך א עושר, און מען האט אים געגעבן א גוטע צימער און אלעם צו געשטעלט, אבער ר׳ בונם האט פרובירט צו מאכן עפעס א געשעפט און עס גייט גארנישט, און דערווייל ווערט ער נאך א גרויסער בעל חוב, ווייל ער וועט דאך דארפן באצאלן פאר די קרעטשמע פארן שלאפן און עסן, און עס ווערט אים שלעכט.

ר׳ בונם איז אריין אין שול און אנגעהויבן זאגן תהלים מיט בכיות און שטארק מתפלל געווען, אזוי האט דאס געצויגן עטליכע שעה און ר׳ בונם איז צוריק צו זיין אכסניא, און ווען ער איז נאר אנגעקומען קומט אריין א מענטש און זאגט ער איז געקומען בשליחות פון די גרויסע רייכע סוחר'טע תמר'ל, וואס האט געהאט אסאך פארצווייגטע געשעפט אין גאנץ פולין, און זי האט געהערט אז ר׳ בונם איז אין ווארשא און וויסט אז ער איז א ארענטליכן מענטש, ווייל זי אז ער זאל ארבעטן פאר איר צו איינקאסירן געלט און זי וועט אים באצאלן 6

רובל א וואך, וואס דאס איז געווען א גאר שיינע געהאלט דעמאלטס.

ר׳ בונם הערט וואס דער שליח לייגט פאר, און הויבט אן צו טראכטן, אז דאס איז א סימן אז דער אויבערשטער האט געעפנט א טויער פאר זיין פרנסה, אויב אזוי דארף ער נאך שטארקער מתפלל זיין און זיך שטארקן אין זיין אמונה!

האט ר׳ בונם געענטפערט דעם שליח אז ער זאל זאגן די נגידה אז ער דאנקט איר פאר דעם געדאנק, אבער עס קומט נישט אין באטראכט, אויב זי וויל מיר פאר דעם ארבעט, בין איך נאר מסכים אויב זי וועט מיר נעמען אליך א שותף אין די אלע געשעפטן וואס איך וועל זיין דעם איינקאסירער!

דער שליח גייט צוריק צו די נגידה און זאגט וואס ר׳ בונם האט געזאגט, האט זי זיך געבייזערט און געזאגט, עס קומט נישט אין באטראכט אזא זאך, און זי האט געזאגט פארן שליח ער וועט נאך קומען בעטן אנצונעמען מיין פארלאנג!

אבער עס גייט אריבער א פאר טעג און זי הערט גארנישט פון ר׳ בונם.

ר׳ בונם איז ווייטער געגאנגען אין שול און דאס מאל שטארקער מתפלל געווען מיט גרויסע בכיות און זיך געשטארקט אין זיין אמונה ובטחון, אז דער אויבערשטער איז א כל יכול, און וועט אים זיכער העלפן צוריקגיין צו זיין אמאליגע עשירות, און אזוי האט ער עטליכע טעג מתפלל געווען מיט בכיות, ווען אין א טאג קומט צוריק דער שליח פון די נגידה, און זאגט אז זי האט מחליט געווען אז זי גייט איין אויף די הצעה פון ר׳ בונם, און זי איז מסכים ער זאל ווערן א שותף אין אירע געשעפטן, און מען איז געגאנגען צו א אדוואקאט און געמאכט א שטר אויף דעם עיסקא. ר׳ בונם האט פארלאנגט אז זי זאל געבען אן אדרוף אויפן חשבון כדי ער זאל קענען באצאלן פאר די בעל הקרעטשמע פארן נעכטיגן און עסן די גאנצע צייט, און זי האט מסכים געווען.

ר׳ בונם האט זיך גענומען ארבעטן געטריי און פלינק, און ביז א קורצע צייט איז ער צוריק געווארן א עושר. ר׳ בונם האט געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן וואס האט אים נישט פארלאזט. אבער ר׳ בונם האט געהאט חלישת הדעת, ווייל דער הייליגער חוזה מלובלין האט דאך געזאגט אז דעם יאר איז נגזר געוועאן אויף אים עניות, און דא איז ער טאקע געווען א קורצע צייט א ארימאן אבער דער ראד האט זיך שנעל צוריקגעדרייט! האט ער מחליט געווען ער וועט פארן צום חוזה און אויסרעדן זיין זארג, אבער צו זיין ערשטוינונג, ווען ער איז נאר אריין אין צימער פון חוזה, האט דער חוזה זיך אנגערופן: "זארג זיך נישט, אויף אויסוויינען האבן מיר נישט געשמועסט"!

אוודאי האסטו געדארפט זיין א ארימאן דעם גאנצן יאר, אבער דער שערי דמעות, פון דיינע הייליגע טרערן, זענען נישט געווען פארשלאסן, און דעריבער האסטו ערליך פארדינט דיין עשירות צוריק. א מענטש טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין, ווייל דורך שטארק מתפלל זיין מיט בכיות וועט דער אויבערשטער אנעמען די טרערן, און די תפילות מיט בכיות וועלן ווערן נתקבל זיין לטוב ולרחמים אמן. זיע״א

**הוצא לאור ע״י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה**

מחצית השקל שנה שתים מצב מפואר ונהדר עם אישור מצויין $38000 ספר שו"ת ברכת יצחק דפו״ר עם הקדשת המחבר הגאון ר׳ חיים יצחק ירוחם אב״ד אלטשטאדט עם עוד ספר $700 ערוגת הבושם איסור חל על איסור עם הקדשת המו״ל הגאון ר׳ משה יהודה כ״ץ בעל ויגד משה, ספר מכתבי קודש באבוב $100, מחזור פון מונקאטש רבי שליט״א וואס ער האט געניצט אלץ בחור, סידור ישועות ישראל שהתפלל בו הרה״ק ר׳ יעקב יוסף מספינקא, ספר שייך להגה״ק ר׳ אברהם חיים הורוויץ מפלאנטש חמיו של הדברי יואל מסאטמאר, וגם לבנו ר׳ משה עם כתב יחוס, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה״צ ר׳ יחזקאל שרגא מערץ, מדרש רבה שקיבל הרה״ג ר׳ זאב וואלף טירנויער מאת הרה״ק ר׳ יהוסף הלוי ר״ב בעל אור מלא מקאסאן, ספר רחמי האב שלמד בו הרה״צ ר׳ יואל זוסמאן מערץ זצוק״ל עם חתימתו, אגרות משה עם הקדשת המחבר הגאון ר׳ משה פיינשטיין, ספר ישועות יעקב עם כמה חתימות ר׳ נתן נטע לנדא מאושפיצין והגה״ק ר׳ בצלאל שמעון ניימאן בעל פנינים יקרים ועוד, כמה ספרים שייכים להרה״ג ר׳ משה ארי׳ פריינד מנאסאד, ספר מן המצר שייך להגה״ק ר׳ איציקל מפשעווארסק. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה״ק ר׳ חיים שלמה מקאסאן, ספר חסידים באזיל שמ״א, ספר יד שאול על הל׳ שבועות דפו״ר עם הגהות הגאון ר׳ גרשון ליטש סג״ל רוזנבוים בעל משיב דברים,, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, הגאון ר׳ אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, ר׳ איציקל מפאנעויז, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר׳ שמעון שקאפ, ר׳ פסח פרוסקין, מהגאון מראגאטשוב, מהרה״ק מהוסיאטין, מהרה״ק ר׳ יחזקאל מאוסטראווצא, ר׳ ברוך בער, מהגאון ר׳ שך, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר׳ הענקין, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website WWW.SEFORIMWORLD.COM, א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון איז דא ביי אונז,

**מיר שיקן דאס ארויס אימייל יעדן וואך מיטן פרדס יהודה מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש און אויך אלטע געלט**